Vol. I. March 1, 1897. No. 3.

THE JEWISH AMERICAN PEOPLE'S LIBRARY.

Issued semi-Monthly.

Subscription per annum $1.00 — — — — Single copy 5 cent.

Office 112 Rivington St., New York.

Entered at the New York Post Office as second class mail matter.

דיא ערשטע נומערן פון דער פאָלקס ביבליאָטהעק הייסען;

„דיא געשמיסענע“ ערשטער טהייל אָן ערצעהלונג פון א. לעבענזאָן.

" " " " צווייטער "

— פרייז 5 סענט פאַר יעדען העפט. —

דיא ענונה פרייז 3 סענט.

קירצליך ערשיינט

# וועמעס קרבן?

## א בילד פון ב. גאָרין.

וועמעס קרבן? איז א בילד פון אידישען ארבייטער לעבען אין רוססלאנד. דאָס ביקד איז געשריבען געוואָרען אין רוססלאנד פאר נוידא׳ס „קליינע ערצעהלונגען“ און דיא רוססישע צענזור האָט עס נעצוגען פאר א געפעהרליכע אונטערהאלטונג פאר דעם ארבייטער און האט עס ניט דורכגעלאָזט און עד היום ליגט עס אין קיעוו. אין דיעזער ערצעהלונג ווערט געשילדערט זעהר אָן אינטערעסאנטעס ביקד, וויא דיא פאבריק ווירקט אויפ׳ן לעבען פון ארבייטער. פערפעהלט ניט צו לעזען דאָס בילד און דיינקט א ווייל איבער דעם קרבן און ענטפערט, וועמעס ער איז?

ערשטער יאהר. No. 4 פרייז 3 סענט.

## די יודיש־אמעריקאנישע

# פָאלְקְס־בִּיבְּלְיָאטֶהעק

(אלערלאי כתבים)

ערשיינט פעריאָדיש

—— איין מאָל אין צווי וואָכען ——

# שַׁלַח מָנות

פון ב. גארין.

אדרעס:
B. GORIN, 473 Sackman Street, Brooklyn, N. Y.

H. Wohl, Union Printer, 112 Rivington St., N. Y.

# פורים אין אַמעריקאַ.

א פערמאַטערטער, א צובראָכענער נאָך א שווערען טאג ארבייט איז דזשייקאָב געקומען א היים. מייקעלע, א אינגעלע פון א יאָהר פיער, האט זיך גלייך צו איהם געלאָזט לויפען און איינגעפלאָנטערט זיך אין זיינע פיס.

— מי געבאַכט?' יע, געבאַכט? פרעגט ער אויף זיין קינדערשען לשון און פערדרייסט דאס קעפּיל ארויף.

דזשייקאָב נעהמט אויסטאָן דעם מאַנטעל, דיא עלטערע קינדער רינגלען איהם אויף ארום און בעטען עפּעס. אין סקוהל האָבען זיי געהערט פון דיא חברים, אז היינט איז פורים און דעם גאַנצען נאָך האַלבען טאָג קומענדיג פון סקוהל ביז'ן אבענד, האָבען זיי זיך גערעכט, אז דער פּאַפּאַ וועט עפּעס ברייננען, דיא מאַמע האט אין זיי דיא האָפנונג אונטערגעהאלטען, כדי אין שטוב זאָל זיין אביסעל רוהיגער, און איצט אז דזשייקאָב איז געקומען מיט ליידיגע הענד האָט זיך פערשפּרייט צווישען דיא קינדער אָן אונצופריעדענהייט.

דזשייקאָב איז צופיעל פערמאַטערט און צופיעל אויסגעהונגערט, אז ער זאָל פיהלען דיא הארצקלעמעניש פון דיא קינדער, נור דאָך רופט ביי איהם אַרויס מיט־קעלעס צוטרויליכעס ווידערהאָלען: „יע, געבאַכט?" א צופּ אין הארצען.

— איך האָב פערגעסען! פערענטפערט ער זיך און דיא קינדער טרעטען פון איהם אָפּ, נייהענדיג א הינטער, ברוגז'דיג.

אָני שטופּט איהם אריין אין האַנד דאָס זייגענדיג קינד און גרייט צום טיש. דזשייקאָב און דאָס ווייב זיצען ביים עססען וויא אבלים, זיי זיצען שטיל און ריידען כים א וואָרט. דיא קינדער נור רייסען זיך ארום איבער א ביינדעל און מאַכען א רעש. דזשייקאָב איז אזוי פערמאַטערט, אז ער איז פויל צו עפענען אפילו דאָס מויל א געשריי טאָן אויף זיי, זיי זאָלען זיך האַלטען רוהיגער.

נאָכ'ן עססען האָט מען דיא קינדער געלייגט שלאָפען. דזשייקאָב איז נאָך א ווילע געבליבען זיצען, האט אריינגעקוקט אין א זשארנאָנישען פּייפּער, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך און גענומען דרעמלען, לייענענדיג.

— גיי שלאָפען! טרייבט איהם דאס ווייב. — וואָס וועסטו זיצען און מוטשען זיך?

— יע, יע, מורמעלט ער אין ענטפער און רייכט פערנאנדער דיא אויגען. איך וועל נור איבערקוקען וועגען קובא. עפּעס האט מען געשלאָגען, איינגענומען און איך ווייס ניט, ווער וועמען?

ער קוקט א פּאָר מינוט אין פּייפּער און דער קאָפּ זינקט איהם ווייטער אראָב אויפ'ן הארצען און דער פּייפּער פאלט אראָב אויף דיא קניע.

— גיי שלאָפען! טרייבט איהם ווייטער דאס ווייב, וועלכע קען ניט זעהן, וויא ער פּלאָנט זיך,

— יע, יע, איך וועל נור זעהן, וואָס איז היינט פאר א פערזאמלונג.

און אפילו דעם קליינעם אדווערטייזמענט וועגען פערזאמלונג לייענט ער דורך מיט שווערינקייטען, ער ווערט נאָך א מאָל אנדרעמעלט ביים לייענען און גייט ענדליך שלאָפען.

עס האָט לאנג ניט געדויערט און אין שטוב האט זיך געהערט זיין שטילער כראָפּען.

אני וויל נאָך ניט שלאָפען, זיא נעהמט דעם פּייפּער און זעצט זיך לייענען. זיא לייענט אויף דיא נייעס פון קובא, ניט וויל קובא אינטערעסירט איהר, דאנה! זאָלען זיי זיך דאָרטען שלאָגען, זאָלען זיי זיך דאָרטען קושען! נור וויל דיא נייעס איז דיא ערשטע. זיא קען אויך קיין טאָלק ניט דערגיין, ווער וועמען האט געשלאָגען, נור דאס ווייס זיא זיכער, אז דאָרטען, ניט אין קובא, נור אין דערהיים אין איהר שטעדטיל אין דער ליטא האט מען היינט געשלאָגען המנ'ען. און עראינערונגען פון דיא יאָהרען, וואָס זיא האט פערבראכט אין דערהיים הייבען אן ביסלעכווייס אבלעבען אין איהר מארך און טראָגען איהר אוועק ווייט, ווייט פון דאנען.

אני קוקט אין פּייפּער, קוקט אויף דיא נייעס פון קובא, קוקט אויף דיא שווארצע שורות פון דעם ווייסען פּייפּער און זעהט.... איהר שטעדטיל ראפּשאנסק. דיא גאסען זיינען בעדעקט מיט א שיטערע קאשע פון דעם האלב צוגאנגענעם שניי. נאָכ'ן לאנגען, שווערען ווינטער האָבען ערשט אָנגעהייבען אביסעל צו ווארעמען דיא ליכטיגע שטראהלען פון דער זון, איבער'ן מארק זיינען אויסגעשטעלט טישלאך און אויף זיי אזוי פיעל צוקערנע צאצקעס און לעקאך־טענשעלאך. איבער דיא גאסען לויפען ארום אינגלעך און אידען מיט'ן שלח מנות. זיא האט אויך ניט לאנג אוועקגעשיקט א שלח מנות צו א קליינע חברתא און קוקט אוים דיא אויגען פון פענסטער,



ווען וועט איהר דיא חברתא אָבשיקען צוריק און דאס הארץ שרעקט איהר, דיא חברתא זאָל איהר אקאָרשט ניט אָבנארען מיט א קלענערען שלח מנות....

דיא עראינערונג רופט ביי איהר ארויס א גליקליכען שמייכעל אויפ'ן געזיכט, זיא דערמאָנט זיך, וויא זיא האט ניט אויסגעהאלטען און איז געלאָפען צו דער חברתא אין שטוב זעהן, וואָס געדויערט דאס אזוי דאָס אָבשיקען?

און אָט איז דיא סעודה!

אויפ'ן טיש שטייהען דיא סטרי:אווע ליכט און עס ברענט דער לאָמפּ און עס איז אזוי ליכטיג. דער טאטע זיצט אויבען־אָן און ארום זיצען דיא פעטערס און מומעס און נאָך אנדערע. דער פרעהליכער פּרוש זאָגט עפּעס אזעלכע שיינע און קלוגע זאכען, וויל אלע האלטען זיך אין דיא זייטען און לאכען, זיא פערשטייט ניט, נור איהר געפעלט זיינע הויות און לאכט אויך מיט. איהר געפעלט, וויא ער וואשט דיא הענד פאר יעדער גלעזיל בראָנפען, ער שטעלט זיך נעבען פענסטער און מיט ביידע הענד גיט ער א ריב איבער אלע שויבען. אין שטוב איז אזוי יום־טוב דיג, כאָטשע דיא ווענט זיינען ניט אויסגעווייסט און פּאוועטינע ציהט זיך איבער דער גאנצער סטעליע, כאָטשע דער זעקסרעהריגער ענגלייכטער איז ניט ארומגעשייערט און איז בעפלעקט מיט גרינע חלב'ענע פינטלאך, כאָטשע דיא דובולטאָווע פענסטער זיינען נאָך ניט ארויסגענומען און דער ווינטער האָט אויף זיי ארויפגעלעגט א שטארקע חתימה. נור א יום־טוב פיהלט זיך אין אלע ווינקעלאך, דער יום־טוב ליגט אויסגעגאָסען אלעמען אויף דיא פּנים'ער, אויפ'ן ווייסען סערוועט, וואָס ליגט אויפ'ן טיש, אויפ'ן בראָנפען אין דיא פלעשלאך און אין ריח פון דער סעודה. פון געקאָכטע אין זויערן און אין זיסען הערינג שמעקט נאָר א מחיה, דער ריח פון דיא לאָבערבלעטער צוגייט נאָר איבער אלע גליעדער, דיא המן־טאסען אויסגעקנאָטען אין מאָן און בעשמירט מיט'ן זיסען סיראָפּ גלאנצען אויפ'ן טיש, עס איז נאָר א פרייד אָנצוקוקען. אלע טרינקען, אלע זינגען און עס איז אזוי היימיש, אזוי לוסטיג און פרעהליך!

און אָט הייבט מען אָן צוטראָגען שלח מנות.

זיא דערמאָנט זיך מיט וואס פאר א בליסטשעדיגע אויגלאך און קלאפּעניש אין הארצען זיא האט נאָכגעקוקט דער מאמען, וויא זיא שיקט פערנאנדער דעם שלח מנות, דאס הארץ איז איהר געוואקסען פאר שמחה, ווען איהר האָט אויסגעוויזען, אז דיא מאמע האָט געכאפּט א מציאה, האָט אויסגעביטען א קלענערען שלח מנות אויף א גרעסערען. היינט איז דער איינציגער טאָג אין יאָהר, ווען זיא קען זיך זאט אָנקוקען אויף ציטרינען און אָפּעלסינען, זיא קען זיי האלטען אין האנד פיעל, דאס הארץ געלוסט אין שמעקען און זיא געדיינקט דיא שמחה, וואס זיא האט גע־

האט, אויב דיא מאמע איז גוט אויסגעקומען מיט'ן שלח מנות און אן אפעלסין איז פערבליבען פאר איהר!

אני הייבט אויף דעם קאפ פון פייפער קוקט זיך ארום און דערקענט ניט איהרע צימערען. אויפ'ן טיש שטייט א לעמפיל מיט אן אבגעבראכענעם ביים שפיץ אבאזשור און פערשפרייט א דונקעלע, אומעדינע ליכט אויף דיא ברוין אויסגעקאלכטע ווענד. דער אויסגעריבענער איל־קלאטה וואס בעדעקט דעם טיש, יוארפט אן א מרה שחורה. עס נעהמט איהר א פאר מינוט ביז זיא שלאגט זיך ארויס פון דיא ערינערונגען און דערמאנט זיך, וואו זיא איז אין דער וועלט.

ביי זיי איז ניטא קיין זכר פון פורים; דער מאן האלט ניט פון אזעלכע זאכען, ער איז א סאציאליסט, אדער אנארכיסט זיא וויים ניט קלאהר, נור פון מאן האלט זיא עולם ומלואה, מען זאגט, ער איז א גאנצער האהן אויף זייערע מיטינגען, נור דאך...

און עס הייבט איהר אן עפעס צופען ביים הארצען, א ביינקעניש נאך דערהיים, א ביינקעניש נאך דער מגילה, נאך דיא פורים־שפיעלער, יענקיל דער גרויסער שפיעלט אחשורש און חאצקעל לאטוטקעס אפיעלט ושתי, נאך דיא המן־טאשען און נאך דער גאנצער סעודה הייבט זיך איהר אויף פון הארצען, קריכט איהר צו צום האלז, מאכט איהר אביסעל זויער און ענג און ברעכט ארוים אין הייסע טרערען פון דיא אויגען.

און עס טרייסט איהר ניט אפילו דאס, וואס איצט קריגט זיא אפעלסינען צו פעני א שטיק און אויף העסטער סטריט דריי פאר צוויי סענט!

ב. גארין.

# דיא נשרפים,

פון דיא כתבים פון

## מענדעלי מוכר ספרים.

דיא מעשה וואס איך דערצעהל אייך איצטער, רבותי, האט פאסירט אין דעם ערשטען יאהר נאך דער גרויסער שרפה אין ק"ק קאבצאנסק.

יענע שרפה איז פערשריבען אין דעם קהל'שען פנקס און נאך איהר רעכענען אלע סאבצאנסקער דיא יאהרען פון יעדער זאך וואס טרעפט אין שטעדטיל, למשל, יענער איז געבוירען געווארען, יענער האט חתונה געהאט, יענער איז געשטארבען אין דעם און דעם יאהר נאך דער שרפה; דיא גזרה פון יארמולקעס, דיא גזרה,



אז מלמדים זאלען דארפען האב'ן סווידעטעלסטוועס און דאס שטארבען פון קליינע קינדער צוליעב דיא חטאים אין שטאדט, דיא מקוה איז פער'עפוש'ט געווארען און דער טייך פערשטונקען אין דעם און דעם יאהר נאך דער שרפה. און נאך עד היום זיינען ביי אונז פאראן אלטע לייט, וואס געדיינקען דיא שרפה און אז זיי זעצען זיך א מאל בין השמשות אונטער דער הרובע אין בית המדרש און דערצעהלען פון איהר, שטייהען דיא יונגע און שלינגען דיא ווערטער און גיסען בעך טרערען.

איך אליין בין ביי דער שרפה ניט געווען. איך בין דאמאלס ארומגעפאהרען, אנגעלאדען מיט אביידעל ספרים איבער אידישע קהלות. און אין יענער צייט זיינען נאך קיין אידישע צייטונגען ניט געווען ביי אונז אזוי וויא היינט, עס איז ניט געווען קיין שרייבערס, וואס קענען זיך פיין מליצה'ן, וואס קאטעווען מאמרים און ז. וו. עס איז ניט געווען ווער עס זאל אויפרייסען א וועלט צוליעב אן עגונה, ווער עס זאל מספיד זיין א מת און ווער עס זאל לאזען וויסען ווענען א שרפה, א מאן האט אוועקגעווארפען א ווייב און עס איז געווען שטיל, א מת האט מען מקבר געווען און אז א הויז און א מרחץ האבען אבגענעצט האט מען קיין מודעות ניט געגעבען. און דאריבער אז קאבצאנסק האט אבגעברענט האב איך ניט געוואוסט.

ויהי היום און איך האב זיך נאכגעשלעפט נאך מיין פערדיל, וועלכער איז פאוואלע געגאנגען ביים זייט וועג, האט געריסען דאס גראז און געקייט בנעימות'דיג, דער טאג איז געווען ל"ג בעומר, איינער פון יענע זומערדיגע טעג, ווען דער איד דארף ניט קלאגען און מעג הנאה־האבען פון דער שיינער נאטור. איך הייב מיינע פיס און קוק אויפ'ן שיינעם בוים, אויפ'ן שיינעם פעלד, אויפ'ן גראז און גרינס, פון דיא קרייטעכצער שמעקט, אזוי מחיה'דיג זיס און דיא פייגעלאך זינגען אזוי שיין און מיר דאכט אז איך הער שפיעלען אויפ'ן פידעל און אויפ'ן פויק, אויפ'ן פייפעיאל און טרומייט און דיא צימבעל, דיא גאנצע קאמפאניע כלי זמר, וואס שפיעלען אויף דיא חתונות ביי אונז אין קאבצאנסק. איך פריי זיך איצט צוזאמען מיט אלע חתכות וואס ווערען היינט געפיהרט צו דער חופה און ווינש זיי פון גאנצען הארצען, אז דיא זיווגים זאלען עולה יפה זיין און זיי זאלען זיך פרוכפערן און מעהרען וויא דאס גראז אויפ'ן פעלד. און אזוי וויא איך קוק און קלייב נחת פון דער געבענשטער ערד, דערזעה איך גאנצע מחנות וואנדערער מיט שטעקענס אין דיא הענד, מיט טארבעס אויף דיא פלייצעס און זעהן אוים וויא אמת'ע שלעפער. אמת, אז צו בעטעלען ארימע לייט אויפ'ן וועג איז קיין נאווינע ניט נור צוזעהן אזעלכע גרויסע מחנות אין איינעם האט מיר פערוואונדערט און מיין פערוואונדערונג איז נאך גרעסער געווארען, ווען איך האב דערזעהן, אז זיי זיינען אלע מיינע סאבצאנסקער!

— וואס איז דאס? קאבצאנסק גייט!.... האָב איך אויסגעשריען צומישט, און צושראָקען, דערזעהענדיג דיא גרויסע מחנה פון פּאָנסביל, ווייבער, קינדער און זיינעדינע עופ'עלאך, אלע אבגעריסען, אָבגעשליסען, באָרוועס, נאַקעט און פערהונגערט.

— א קלאָג צו אונז געשעהן! האָבען געענטפערט עטליכע קולות. — מיר זיינען טאַקע קאבצאנסקער אָבער קאבצאנסק איז שוין ניטאָ מעהר.

— אזא נזר פון זיין ליעבען נאָמען, האָבען געקלאָגט דיא ווייבער.

— דאס איז אלץ בעונותינו הרבים, האָבען עטליכע אָנגעהויבען צו דערצעהלען, האט זיך דיא אש איינגעקלייעט....

— איינגעקלייעט ביי נפתל'קע דעם רויטען אין קוימען, זיינען זיי אנדערע אריינגעפאלען אין דיא רייד, און א פייער האָט בעונותינו אויסגעבראָכען און דיא שטרייענע דעכער פון דיא ארומיגע הייזלעך האָבען זיך גלייך אָנגעכאפּט וויא שוועבעלאך און דיא גאנצע שטאָדט איז אוועק אין פייער, ס'איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען, א ביטערער שלאק פון הימעל האט אונז געטראָפען.

— ברידער! בין איך צו זיי צוגעטראָטען מיט א טענה: — איהר האָט אָנגעהויבען מיט א פייער פון נפתל'קים קוימען און אויסגעלאָזט האָט איהר מיט א פייער פון הימעל.

— דאס פייער איז אראָבגעשיקט געוואָרען פון הימעל און דעם רויטענס קוימען איז נור געווען א שליח, האָבען מיר געענטפערט מיינע תמ'עוואטע ברידער. — און והאָ ראיה אזוי פיעל יאָהרען איז דער קוימען געשטאנען און געווען געקעהרט זעהר זעלטען וויא דאס רוב קוימענס ביי אונז און השם יתברך האָט מיט אונז געטאָן א חסד און קיין סבה האט ניט געטראָפען. פאראן, עס זיינען פאראן ביי אונז נאראָנים וואָס זאָגע', אז דאָס אונגליק איז געשעהן, ווייל דיא שטיבער שטייהען ארויפגעשטעלט איינע אויף דיא אנדערע, ווייל דיא דעכער זיינען שטרייהענע, ווייל דיא אייוועגס זיינען ניט גוט געמאכט, ווייל מיר האָבען ניט קיין פאזשארנע סטרומענטען, און דיא שוטים ווילען ניט פערשטיין, אז קאבצאנסק איז אזוי געשטאנען פון אבות אבותינו און קיין בייז האָט ניט געטראָפען.... דער אמת איז וויא עס שטייט אין פסוק: „אם ד' לא ישמור עיר שוא שקד שומר" אז גאָט שיקט אראָב א פייער פון הימעל, וואָס ווען העלפען דיא סׄטרומענטען.

נעגען א בפירוש'ען פסוק א'ז ניטאָ וואָס צוריידען און איך האָב אראָב געלאָזט דעם קאָפּ און איך בין אנשוויגען געוואָרען.

און מיינע קאבצאנסקער, פערמאטערטע, צומאָרדעוועטע האָבען קוים געהייבען דיא פיס, איך בין אויך געווען פערמאטערט פון וועג און דאריבער האָבען מיר



זיך אלע געזעצט אָברוהען נעבען ברעג וואלד פאר א קליין סאזשעלקע. דיא קאבצאנסקער האָבען אויסגעהאנגען זייערע טאָרבעס און שמאטעס אויף דיא בוימער און האָבען זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז. דיא מאנסביל זיפצען און קרעכצען, רייסען זיך און קריגען זיך מיט בעס צווישען זיך; דיא ווייבער קלאָגען, שילטען דעם טאָג, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען; דיא קליינע עופ'עטשקעס טאפּען ביי דיא מאמעס דיא בריסט, זוכען מילך און געפינען ניט און וויינען פאר הונגער. און לייזער'ל דער קאבצאנסקער משונע'נער איז אויך צווישען דיא וואנדרעווער, דיא האָר צולאָזט, דער בגד צושפּילעט דאָס היטעל פּערוקט צו דער פּאטילניצע. ער שלעפּט זיך נאָך וויא א קוה נאָך א קאלב א מאָל נאָך איינעם און א מאָל נאָך א צווייטען, עפּענט פערנאנדער דאס מויל און קוקט, לאָזט ארויס עפּעס א משונה'דיג קול פון דיא נעזלאבער און זאָגט קיין וואָרט. און איך זיץ שטום וויא א וואנד צווישען דיא אונגליקליכע קאבצאנסקער, מיין הארץ רייסט מיר אויף שטיקער אויף זיי קוקענדיג און דיא ליכטיגע שיין איז פאר מיר פינסטער געוואָרען, דיא שיינע נאטור איז שיין פאר פרעמדע אָבער ניט פאר אונז אידען, דער זיסער ריח פון דעם גראָז דערקוויקט מיר שוין מעהר ניט און דאָס זינגען פון דיא פייגעלאך מאכט מיר טרויריג.

— און וואו גייהען דאָס, אידען? האָב איך געפרעגט מיט א גרויס רחמנות נאָך א לאנגען שטילשווייגען.

— וואו זאָלען אידען נשרפים גיין? האָבען עטליכע געענטפערט מיט א זיפץ,— וואו אלע אידישע אָרימע לייט גייהען, וואו אידען בני רחמנים געפינען זיך, מיר האָבען מיט זיך פּאפּירען גע'חתמ'עט פון רב און אלע ז"טה, אז מיר מאָגען גיין איבער דיא הייזער, אונזערע גבירים האָבען געמאכט אן אסיפה צו טאָן עפּעס פאר אונז און מען האָט אונז צוטהיילט דיא שטעדט על פּי גורל, פיעל פּארטיעס זיינען אוועק רעכטס און מיר גייהען לינקס און איצט דארפען מיר ווייטער האָבען א חלוקה צווישען זיך ווער אין וועלכע שטאָדט זאָל גיין און דאָ קענען מיר זיך ניט צוטהיילען, וואו איינער וויל גיין, וויל דאָרטען גיין דער אנדערער און בכן קלעפּען מיר איינער צום צווייטען אין איין גרויסע פּארטיע און רייסען זיך און קריגען זיך און קענען צו קיין טאָלק און צו קיין לאד ניט קומען. איצט רבי מענדעלי, זייט איהר ביי אונז א דיין און מאכט א פשרה!

— צושפרייט זיך, קבצנים! האָב איך געזאָגט צו מיינע קאבצאנסקער מיט א ווייכען קול, — צושפרייט זיך פון אייער איינענע טובה וועגען. צו וואָס זאָלט איהר זיך אלע שטופּען אין איין אָרט און רייסען זיך און קריגען זיך, מיט רעם טוט איהר נור זיך אליין א היזק, איינער רייסט ארויס דעם ביסען פון דעם צווייטענס

מויל און ווידער מיט דעם רופט איהר ארויס א געשריי וואו איהר קומט, מען ווייזט אויף אייך וויא אויף הייזשעריקען און איהר פאלט א לאסט אויפ'ן צבור. האט רחמנות אויף זיך אליין און צושפרייט זיך, אידישע קינדערלאך!

און אז איך האב געזעהן, אז איך רייד צו וואנד, בין איך אנשווייגען געווארען, איך האב נור געשאקעלט מיט'ן קאפ און געזאגט צו זיך אליין: אפילו דיא שרפה האט אייך אויך ניט געקענט צושיידען!

— אונז גיבען זיי דיא ערגסטע, דיא סביבה פון באטלאנסק און פאר זיך נעהמען זיי דאס בעסטע, קאסלאנסק. מיר האבען אין קאסלאנסק אויך אזא חלק, שרייען עטליכע.

— מיר זיינען אויך ניט אבי ווער און אזעלכע יחסנים וויא איהר זייט! שרייען ווידער אנדערע.

— א מכה אין האלז!

— א רוח אין דיין טאטענס טאטען אריין!

— וואס שרייט א.הר, ליעבע קרובים, האב איך זיך געווענדט צו דיא גרעסערע שרייערס. — וויא קומט איהר צווישען דיא נשרפים? איהר זייט דאך גאר סיין מאל קיין בעלי בתים ניט געוועזן.

— וואס איז דיא נפקא מינה, בעלי בתים אדער שכנים, איצט זיינען מיר גלייכע שלעפער, האב איך בעקומען א ריכטיגען ענטפערן, הייזער טאקע האבען מיר ניט געהאט אבער דירות האבען מיר געהאט, ביי יעקב שמשלען אין קעהלער האבען מיר געהאט א נזערע ווינקעלאך, און אז דיא שטוב איז אבגעברענט געווארען האבען מיר קיין דירה ניט און ווייסען ניט וואו הין צו טאן זיך.

— איך האב געשלאפען אין בית המדרש, האט געשריען עזריא דער בטלן, און איצט אז ער איז אבגעברענט, האב איך ניט וואו צו זיין.

— מיר האט דיא שרפה אין גאנצען אראבגעזעצט, האט זיך געקלאגט דוד יודיל דער קרעמער. אז אלץ איז געגאנגען כשורה האב איך מיר געדונגען א קראם און געהאט עטליכע קונים. איצט איז מיין פרנסה אין גאנצען אונטערגעגאנגען.

— איך בין לכל הדעות נאך דער גרעסטער שלימזל, האב מיר מסביר געוועזן נחום דער מלמד. — אז עס זיינען געוועזן בעל הבתים האב איך געהאט קינדער און וויא עס איז דורכגעלעבט. איצט אז קיין בעל הבתים איז ניטא, פון וואנען וועלען זיך נעהמען קינדער און אהן קינדער איז ניטא קיין חדר. און אהן א חדר איז ניטא קיין תורה און אהן תורה איז ניטא קיין קמח.

— און איך זאג אויך אזוי, האט זיך געקלאגט יוסל שמעון דער סופר, אז



קאבצאנסק איז געשטאנען האט מען געדארפט מזוזות און איצט, אז קיין הייזער זיינען ניטא צו וואס דארף מען מזוזות?

— און מיר, האבען געענטפערט דיא כליקדש וויא שמשים, בעל תפלות, משונהדיגע גבאים, שדכנים, קברנים, תהלים־זאגער, עקידהרעה אבשפרעכער און נ.־ד. גל. — מיר זיינען איצט געבליבען וויא פאסטוכער אהן טשערעדעס. ווייה איז צו אונז און ווייה איז צו אונזערע קינדער, ניטא קיין בגד, ניטא קיין ברויט, ניטא קיין בעל הבתים און ניטא קיין קצינים. מיר קוקען איצט אויס אויף אונזערע קרובים, בעקאנטע און גוטע מענשען, זאלען זיי אונז אויסהעלפען ביז דער אייבערשטער וועט זיך מרחם זיין און וועט אבבויען קאבצאנסק און מיר וועלען צוריק האבען אונזער פרנסה.

— נאך אזא אונגליק וויא מיר האט געטראפען, זינדיגען זאל איך ניט מיט מיינע ליפען, איז גאר ניטא, האט זיך גענומען קלאגען שלמה דער ריידער. — גיב דארט א קוק אויף מיין שאנדע, אויף מיין טאכטער הינדע רחל, וואס זיצט דארט פערוויסט. זיא איז געוועזן א כלה און דיא חתונה איז געוועזן אבגעלייגט אויף ל״ג בעומר און אלץ איז שוין געוועזן פארטיג. נור וואס האט געטאן גאט, ברוך הוא, נעהמט גאט ברוך הוא און שיקט אן א שרפה און א שטאדט ווערט בדיל הדל און איך אויך. און אז איך בין בדלות געווארען האב איך ניט געקענט געבען דעם נדן, וואס איך האב צוגעזאגט, און דער שיינער בחור, דער חתן, וואס האט ער געזאגט? יא טעביע ניע בענדרא! אז דער עיקר איז ניטא צו וואס דארף איך דיין טאכטער? און ער האט צוריסען דיא תנאים. און מיין טאכטער איז אויס כלה און ווייטער מויד. איצט זיצט זיא און גיסט פאר חרפה און בושה טרערען און מיין ווייב זאל לעבען זיצט אויך און קלאגט אויף מיין קאפ: גזלן! פאר וואס האסטו קיין רחמנות ניט אויף דיין טאכטער! אלע איהרע חברת'עס האבען שוין לאנג חתונה געהאט און האבען שוין קינדער און זיא זיצט נאך א מיידעל! און היינט ל״ג בעומר איז דיא קלאג נאך גרעסער, אזוי וויא תשעה באב. דיא וויינט דא און יענע וויינט דארטען און אין מיר צוגייט דאס הארץ. וואס זאל איך טאן? איך וועל טאן, וואס איך קען. זאל דאס ווייב מיט דער טאכטער גיין אין איין זייט מיט אלע נשרפים און איך וועל גיין בעזונדער קלייבען פאר הכנסת כלה. וואס דיינקט איהר, רבי מענדעלי?

— וואס זאל איך זאגען? האב איך געענטפערט, הכנסת כלה איז א גוט געשעפט.

אין דער צייט וואס דיא מאנספיל האבען מיט מיר גערעדט, האבען דיא ווייבער זיך אריינגעמישט און צוגעפעפערט דער שמועס מיט קלאגען און זיפצען און

קללות אויף זייער שטיינער. דיא זשאבעס פון סאזשעלקע האבען אונטערגעהאָלפען מיט זייער קוואַקען און דיא היישעריקען אין פעלד האָבען געהוזשעט און עס איז געווען א טומעל, א געפּילדער א קלאַנג ארום און ארום.

קיין זאך וועקט אין מיין הארצען ניט אויף אזא ים מיט פערשיעדענע געפיהלען, פון ליעבע, רחמנות און נאָך פיעלע אַנדערע, וואָס איך ווייס זיי ניט וויא אָנצורופען, קיין מאָל רייסט מיר ניט אזוי דאָס האַרץ, וויא ווען איך זעה א סליין קינד פאלט אין איינגעשלאָפענער פון שוואכקייט אָדער פון שמיץ. איינס פון דיא אונגליקליכע קינדער, א שוואכינקער איז צו מיר צוגעגאַנגען, ווען איך האָב געהאלטען אין ריידען, האָט אויף מיר אָנגעשפּארט זיין קעפּיל און איז אנדרעמילט געוואָרען. אז דער שמועס האָט זיך איבערגעהאקט און איך האָב דאס קינד דערפיהלט האָבען דיא כוואַלעס פון דעם ים געפיהלען אָנגעהייבען צושלאָגען אין מיר. איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיין שיין און אויסגעדארט פנים׳על, אהן א טראָפּען בלוט, צו זיינע פּערברענטע עטוואס אנגעשפּאָלטענע ליפען, צו זיינע מאגע׳רע און שוואכע הענטלאך, איינע אָנגעשפּארט אויף זיין ברוסט וואָס בלאָזט זיך אָן און הייבט זיך אויף און באלד שרומפּט זיך איין און לאָזט זיך אראָב, און דיא צווייטע אראָבגעלאָזט פון שוואכקייט און אין איינעם האָט עס אויסגעדריקט אזא מין ח״ן, אזא מין נעבעט, דוא זעהסט וויא עס פלאַנט זיך פון יסורים און בעט מען זאָל איהם פערגעבען, מוחל זיין און העלפען; — איך האָב זיך צוגעקוקט און מיין האַרץ איז מיר ארויסגעפאַלען! איך בין געוואָרען פול מיט רחמנות און האָב געוואָלט וויינען, האלזען דאס אָרימע קינד, ארומנעהמען אלע מיינע אונגליקליכע שטעדטילדיגע און אלע מיינע געשלאָגענע ברידער און אויסקושען זיי דיא גליעדער. איך האָב געקוקט דאָ אויפ׳ן אונשולדיג קינד און דאָ אויף מיינע קאבצאנסקער, פערביטערטע, פער׳צרה׳טע, געדריקטע, ערנידעריגטע און צובראָכענע און איך האָב געמיינט, אז איך גיי אראָב פון זינען. גאָט אין הימעל, האָב איך געשריען אין זיך, וויא געענדערט זיינען אידען פון אלע אומות העולם אין זייער לעבען, אין זייער פיהרונג אין זייער פרנסה! מי כעמך ישראל, ווער איז נאָך אזא פאָלק, וואָס זיינע מענשען זאָלען זיין אזוי וויא דיא גליעדער פון א קערפּער איינגעקלאמערט איינער אין צווייטען, האלטען זיך איינער אן דעם צווייטען און פארלענדען איינער דעם צווייטען. אויף עטליכע איז געקומען א צרה און אלע קלאָגען אויף דעם. א פייער האט פערברענט סאבצאנסק, און אלע אידען בעקלאָגען דיא שרפה! אויף איהר קלאָגען אלע קאבצאנסקער אפילו דיא וואָס האָבען גאָר קיין הייזער קיין מאָל ניט געהאַט. עס קלאָגען אלע קאבצאנסקער



פּסלנים, מלמדים, דיינים, שמשים, חזנים, שוחטים, שדכנים, חתנים, כלות, קרעמער, הענדלער, מעקלער און אלע קאבצאנסקער שלעפּער.

— מיין האַרץ רייסט מיר אויף דיר, אָרימעס קינד, איך האָב אויף דיר רחמנות, מיין בינדע פאָלק!....

— חנה, חנה! רופט דער פאָטער פון דעם שלאָפעדיג קינד, קום און נעהם צו חיים יענקעל, ער ליגט אויף רבי מענדעלי און מאכט איהם שמוי.

— אוי, א בראָך צו דער מאמען, האט זיך חנה אָבגערופען מיט א רחמנות קול און האָט אויסגעשטרעקט דיא הענד צום קינד. — זעהט וויא עס ליגט נעבאך, מיין אוצר, מיין לעבען. אזא עופּ׳עלע נעבאך און אזוי פיעל צרות שוין!

— עס מאכט ניט אויס, לאָזט עס זיך אויסרוהען אביסעל, האָב איך געענפערט.

א ווײלע זיינען מיר געזעסען שטיל און באלד האָבען זיך מיינע שטעטילדיגע אויפגעהויבען מיט א רעש און טהומעל און האָבען זיך געלאָזט גיין, זיי מיט דיא ווייבער מיט דיא קינדער און לייזעריל דער משוגענער האט זיך זיי נאכגעשלעפּט. איך מיט מיין פערדיל און וואָגען בין זיי א שטיקעל געגאנגען בעגלייטען און מיר האבען זיך געזעגענט מיט טרערען אין דיא אויגען.

מעהר האָב איך שוין דיא קאבצאנסקער אין דיא אויגען ניט געזעהן, מסתמא האָבען זיי זיך אזוי לאנג געשלעפּט ביז זיי זיינען ארויסגעשלעפּט געוואָרען אין גאנצען פון דער וועלט. לייזעריל האב איך אין א צייט ארום בעגעגענט אין קאסלאנסק, ער איז דאָרטען געוואָרען דער שטאָדט־משוגענער און אינגלאך זיינען נאָך איהם נאכגעלאָפען און נאכגעשריען: משוגענער, משוגענער!....

# היינט איז פורים מאָרגען אויס.

היינט איז פורים מאָרגען איז אויס. היינט איז לוסטיג מאָרגען אומעט. היינט איז דער טיש א לוסט־גאָרטען, מאָרגען א מדבר, א חורבה, וויא נאך א שרפה.

היינט פרייהען מיר זיך מיט המן׳ס מפּלה, מאָרגען וועט זיך המן קענען פרייהען מיט אונזער טפלה....

אויסגעניכטערט פון דעם רויש וועלען מיר האָבען א פנים וויא חוזק. וואָכעדיג וועט זיין ארום און ארום און פון דעם ניט־יום־טובדיגען יום טוב וועט מעהר ניט זיין געבליבען וויא א מיאוס׳ער נאָך־טעם אין מויל.

אזוי גייט עס אין דער וועלט! עס איז א גלגל החוזר, דאס רעדיל דרייהט זיך, כסדר דרייהט עס זיך, אהן אויפהער. נאך שטייען טראפענס פון דיא נאר וואס פערגאסענע פריידענס־טרערען אויף דיא באקען און שוין מישען זיך מיט זיי אויס ליידענס־טרערען. נאך טריללט דיא לופט פון דעם נאר וואס שטיל געווארענעם קוסטיגען געזאנג און שוין ווערען דיא לופט־כוואלעלעך איבערגעשלאגען מיט טרעל־לען פון ילכות און ווייה־געשרייען.

אט איז מרדכי אויפ'ן פערד און המן גייט דערלעבען און עס איז — א קלאג אויף זיין קאפ; אין א ווייליע ארום, דאס רעדעל האט זיך איבערגעדרייט....

דיא זונן גייט אויף און דיא זונן גייט אונטער; זה קם וזה נופל; וויא אויף צוויי הוידעלקעס זיצען מיר אלע, ארויף — אראב, אראב — ארויף.

וואס־זשע איז דיא שמחה מיט יענעמס מפלה? וואס־זשע איז דיא שמחה מיט דיא שמחה?

המן איז א רשע, ער האט זיך געוואלט פרייהען מיט אונזער מפלה; האט ער געהאט דיא מפלה און מיר פרייהען זיך....

אוי, המן, המן, מען האט דיך ניט געהאנגען. דו לעבסט. דו לעבסט אין יעדען וואס איז אויפ'ן פערד און ווערסט געהאנגען מיט יעדען וואס גייט ביים פערד, אום באלד מגולגל צו ווערען אין דעם אריין, וואס זיצט איצט אויפ'ן פערד!....

אזוי לאנג דאס רעדעל דרייהט זיך לעבט המן....

אזוי לאנג היינט איז פורים מארגען אויס לעבט המן....

אזוי לאנג פון אסתר־תענית בלייבט אויף פורים כל טוב און פון פורים אויף שושן פורים זויערענים אין מויל לעבט המ'....

ארור המן! פערפלוכט זאל ווערען דער רוח פון המן, פון דיא צרות אזוי גוט וויא פון דיא מפלה־פרייד וואס ער האט אנגעמאכט!

ארור המן! פערפלוכט זאל ווערען יעדער המן אויפ'ן פערד.

ארור המן! פערפלוכט זאל ווערען דאס המן'שע רעדעל וואס דרייהט זיך.

לא מדובשך ולא מעוקצך, לא הן ולא שכרן. מוחל דעם אסתר תענית מוחל דעם שכור'ן פורים און מוחל דעם זויערן מוצאי פורים. מוחל צו זיין היינט אויפ'ן פערד און מוחל צו זיין מארגען אונטערן פערד. מוחל דיא שמחה מיט יענעמס מפלה, מוחל יענעמס שמחה מיט מיין מפלה.

דיא צייט דערפון וועט קומען.

היינט איז פורים מארגען איז אויס........

ב. פיינענבוים.



# דער ארבייטסמאן.

דארפען, וואו דיא שטאדט זיך ענדיגט,
פאזע וועג ביים אייזענבאהן,
זעה איך דריי א זיינער מארגענס
גיין אן אלטען ארבייטסמאן.

———

האלב געבויגען איז זיין רוקען
און מיט קנייטשען דאס געזיכט;
האלב פערשלאפען, האלב צובראכען
און ער גענעצט און ער קריכט.

———

אויף דיא שטיוועל ווייניג לעדער
אויפ'ן מאנטעל קארג געוואנט
טראגט א העקיל און א זעקיל
מיט א לאפעטע אין האנט.

———

און א פראגע נאך א פראסטע
קומט אריין'עט אין מיין זין
זאג, דוא ארבייטער, דוא אלטער
זאג, וואו גייסטו איצטער הין?

———

איז ביי דיר איצט נאכט געווארען
אדער האסטו ערשט ערוואכט?
דארף איך זאגען דיר גוט מארגען?
אדער זאגען דיר גוט נאכט?

———

גייסט, איצטער פון דער ארבייט,
פון דיא שווערע אזוי שפעט ?
אָדער גייסטו צו דער ארבייט
אקארסט, אקארסט וואס פון בעט ?

נור ער הערט ניט, וואָס איך פרעג איהם
און ער הייבט ניט אויף זיין קאָפּ
שנעלער הייבט ער אן צו שפּרייזען
ביי דעם בערגעלע אראָב

און א לאנגע צייט אלץ קוק איך,
וויא ער בויגט זיך, וויא ער שפּאנט
מיט'ן העקיל, מיט'ן זעקיל
מיט דער לאָפּעטע אין האנד.

י. יפה.

## פּאַפּירענע קוילען.

א פראנצויזישער אָפיציר האט איצט פּאטענטירט א נייע קויל צום שיסען געמאכט פון פּאפּיר. דאס פּאפּיר ווערט בעדעקט מיט אלימיניאום. דיא סויל האט אין זיך אלע אייגענשאפטען, וואָס דיא צינענע, זיא פליהט גראדע אזוי גלייך און קען גראָדע אזוי פערוואונדען, וויא יענע, נור דיא מעלה איהרע איז, וואס זיא ברעכט ניט קיין ביין און דיא וואונד, וואס זיא מאכט, איז א גלאטע. אזא קויל איז גרינג ארויסצוציהען און דיא וואונד פון איהר פערהיילט זיך גיך. דער, וואָס ווערט פערוואונדעט פון אזא קויל, איז גראָדע אזוי אונשעדליך א געוויסע צייט פאר'ן שונא, וויא ער וואָלט פערוואונדעט געוואָרען פון א צינענע.

## דיא לייכטסטע בעשטראפונג פאר א גנבה.

אויפ'ן קליינעם אינזעל טריסטאן, וועלכע ליגט אין זיעד אטלאנטישען אָצעאן און אויף וועלכען עס געפינען זיך 94 איינוואָהנער, ווערט א גנב זעהר לייכט בעשטראָפט. מען רופט אויס אין מארס, אז דער און דער האט ביי יענעם און יענעם





גענגב'עט דאס און דאָס און מען בעשטימט א צייט ווען דער גנב זאָל אליין צוריק ברייננען דיא גנבה אויפ'ן זעלבען פלאץ און דאמאלס קען יעדער זיך וויצלען איבער'ן גנב פיעל דאס הארץ געלוסט און דאס איז דיא גאנצע שטראָף.

## דיא שיינע האנדשריפט.

דער בעריהמטער פראנצויזישער דראמאטיקער וו. סארדאָ האט צו פערדאנקען זיין ערשטען ערפאָלג בלויז זיין שיינער האנדשריפט. מיט זיין ערשטער דראמא „דאס גאסט הויז פאר סטודענטען" האט ער זיך ארומגעטראָגען פון איין טהעאטער אין צווייטען און אומעדום האט מען איהר איהם אָבגעגעבען צוריק. ענדליך האט ער איהר אריינגעגעבען אלס א פּראָבע אין אָדעאָן־טהעאטער. דאָרטען האט זיך דער מאנוסקריפּט געוואלגערט מיט נאָך אנדערע אויפ'ן טיש. א מאָל האט דעם מאנוסקריפּט דערזעהן דיא בעריהמטע אקטריסע מאדמואזעל בערענזשער, „וואס פאר א פּראכטפאָלע האנדשריפט!" האט זיא אויסגעשריען. זיא האט די שטיק איבערגעלייענט און איהר איז אזוי געפעלען געוואָרען, אז זיא האט דעם דירעקטאָר געבעטען, ער זאָל דיא שטיק אויפפיהרען. ער האט איהר ניט געקענט אָבזאָגען און דיא שטיק איז שטארק געפעלען געוואָרען דעם פּובליקום און סארדאָ איז געוואָרען בעריהמט און עס האט גענומען א סוף צו זיין הונגער און נויטה, וועלכע ער האט געקעמפּפט זיבען יאָהר נאָך אנאנד.

## וויטצען.

פּאציענטין: איהר קלאָגט זיך אויף שלעכטע געשעפטען, העדר דאָקטאָר? לעצטען יאָהר האט איהר מיר געזאָגט, אז איהר האט א גרויסע פּראקטיקע.

דאָקטאָר מיט א זיפץ: יע, דאמאלס האָבען נאָך געלעבט אלע מיינע פּאציענטען.

זוהן: מאמע, אלנען האסטו געקויפט א פּיאנע-קויף מיר א בייסיקעל.
מוטער: צו וואָס דארפסטו א בייסיקעל?
זוהן: כדי איך זאל קענען אנטלייפען, ווען זיא הייבט אָן צו שפּיעלען.

שכנה: דעם אדוואָקאט'ס פרוי זאָגט, אז שווארץ קליידט אייך ניט.
מאדאם אין שווארצען: זיא איז מיר מקנא, וואָס איך בין געוואָרען אן אלמנה.

בעריל: פאר וואס גיט ניט מעהר דער מענענדזשער פון טהעאטער פרייז פעסעס?

שמעריל: ער וויל ניט מען זאָל זעהן, וויא פוסט דער טהעאטער איז.

## א תענוג מיין ווייבעל

אן הלצה.

א תענוג מיין ווייבעל, זיא ווייסט פון קיין זאך;
וויא אן אבעזיאנער אלץ מאכט זיא מיר נאך.

זיא ארבייט אויף קיין זאך, וויא איך אזוי שווער,
דאָך גיב איהר א חלק פון טיטול אהער.

קיין חלוק פון וואנען, קיין חלוס ניט וויא,
קוים ווער איך א דאָקטאָר — א דאָקטארקע זיא.

און ווער איך א רבי, זיא מאכט איהר געברויך,
זיא ווערט זיך אָהן סמיכות א רביצין אויך.

דאָך כ'גיב מיר אן עצה און הערט זשע, וויא, הערט,
איך ווער מיר אן אלמ'ן דאן ליגט זיא אין דר'ערד.

....

צוליעב פורים איז היינטיגער נומער ארויס א יום טוב'דיגער און איז ערשינען פאר'ן צווייטען טהייל "עגונה". נאך דער עגונה וועט ערשיינען דער פסח'דיגער נומער, ער וועט זיין פיעל רייכער אין אינהאלט און אין ארטיקלען. דיא בעסטע אידישע שרייבער וועלען אין איהם נעהמען אנטהייל.

Vol. I, March 1, 1897. No. 3.

THE JEWISH AMERICAN PEOPLE'S LIBRARY.

Issued semi-Monthly.

Subscription per annum $1.00 — — — — Single copy 5 cent.

Office 112 Rivington St., New York.

Entered at the New York Post Office as second class mail matter.

דיא ערשטע נומערן פון דער פאָלקס ביבליאָטהעק הייסען;
„דיא געשמיסענע“ ערשטער טהייל אן ערצעהלונג פון א. לעבענזאָן.
" " צווייטער " " "
— פרייז 5 סענט פאַר יעדען העפט. —
דיא ענונה פרייז 3 סענט.

קירצליך ערשיינט

# וועמעס קרבן?

## א בילד פון ב. גאָרין.

וועמעס קרבן? איז א בילד פון אידישען ארבייטער לעבען אין רוססלאנד.
דאָס בילד איז געשריבען געוואָרען אין רוסלאנד פאר נוידא׳ס „קליינע ערצעהלונגען“
און דיא רוססישע צענזור האָט עס געצוונגען פאר א געפעהרליכע אונטערהאלטונג
פאר דעם ארבייטער און האט עס ניט דורכגעלאָזט און עד היום לינט עס אין קיעוו.
אין דיעזער ערצעהלונג ווערט געשילדערט זעהר אן אינטערעסאנטעס בילד, וויא
דיא פאבריק ווירקט אויפ׳ן לעבען פון ארבייטער. פערפעהלט ניט צו לעזען דאָס
בילד און דיינקט א ווילע איבער דעם קרבן און ענטפערט, וועמעס ער איז?